NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03341

# DI AYZHEYL

L. Vayzl

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# פאַר אונזערע קינדער

ביבליאָטעק פאַר קינדער און יוגנט

# די אײזהײל

פון ל. װײזל

איבערזעצט פון דײטש יעקב לעװין

ניו־יאָרק, 1939
פאַרלאַג „אידישע שול"
3451 גאָילם פל., סטודיאָ 1
בראָנקס, נ. י.

Copyright, 1939,
by JACOB L. LEVIN

255

## I

גרויס אין חכמה און אין מאַכט, רייך אין זילבער און אין גאָלד איז געווען שלמה המלך. די צייט פון זיין קעניגן איז געווען די גליקלעכסטע ביי אידן, ווייל אין זיין צייט האָט דאָס אידישע פאָלק קיין מלחמות ניט געפירט. יעדער איד איז זיך דעמאָלט געזעסן רואיק אונטער זיין וויינשטאָק און אונטער זיין פייגנבוים.

דער קעניג שלמה האָט געשיקט שיפן אין ווייטע לענדער און געבראַכט פון דאָרטן גאָלד און טייערע שטיינער. אָבער מער פון גאָלד און מער פון מאַכט האָט דער קעניג ליב גע־האַט און טייער געהאַלטן זיין טאָכטער שולמית. ווייל זי איז געווען שיין ווי די זון. זי איז געווען הויך און שלאַנק, ווי אַ פאַלמענבוים. געגאַנגען איז זי רואיק און שטאָלץ; און איר נשמה איז געווען ריינער, ווי דער ריינסטער גאָלד. אירע אויגן האָבן געפינקלט, אירע באַקן האָבן זיך גערויטלט און אויף איר קליין מיילכל האָט שטענדיק געשוועבט אַ ליבלעך שמייכל.

די אַלע, וואָס האָבן געזען שולמית׳ן, האָבן זי ליב געהאַט. פירשטן, פרינצן און קעניגן פון נאָענטע און ווייטע לענדער פלעגן קומען קוקן אויף איר און שדכנ׳ען זיך צו איר. זיי פלעגן איר ברענגען שיינע מתנות און זאָגן איר די פיינסטע קאָמפלימענטן. אָבער שולמית האָט קיינעם פון די קעניגלעכע באַזוכער ניט אויסגעקליבן. פאַרוואָס? ווייל זי האָט שוין ליב געהאַט אַן אַנדערן.

דער קעניג שלמה האָט געהאַט אַ לייבוואַך. דער עלט־סטער פון דער וואַך איז געווען איינער אמנון. ער האָט גע־שטאַמט פון אַן איינפאַכער אידישער משפחה, אָבער ער האָט געהאַט מעלות, וואָס אַנדערע פירשטן און קעניגן האָבן ניט

פאַרמאָגט: ער איז געווען הויך און שיין; געבויט קרעפטיק, ווי אַ צעדער פון באַרג לבנון. נאַטירלעכער שטאָלץ איז געלעגן אויף זיין ברייטן ווייסן שטערן, אָבער זיין בליק איז אַלעמאָל געווען פריינטלעך און באַשיידן. קיינער האָט ניט געקאָנט אַזוי בייקומען אַ ווילדן רויבערישן אַראַבער, ווי אַמנון; קיינעמס פייל האָט ניט געטראָפן אַזוי פינקטלעך אין ציל; קיינעמס האַנט האָט ניט געקאָנט אַזוי ווייט און פינקטלעך וואַרפן די שפיז, ווי אַמנונ׳ס.

אָט דעם אמנונ׳ען האָט שולמית, שלמה׳ס טאָכטער, ליב געהאַט. קיינער האָט וועגן דעם ניט געוואוסט. אפילו איר פאָטער, וואָס האָט זיך פאַרשטאַנען אויף דער שפראַך פון חיות און פלאַנצן, האָט ניט געזען און ניט פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך ביי זיין טאָכטער אין האַרצן. נאָר דער פאָלגנדער צופאַל האָט דאָס אים אַנטדעקט.

אויסער דער שטאָט ירושלים, אויף אַ באַרג, באַדעקט מיט וואַלד, האָט זיך געפונען שלמה׳ס זומער־פּאַלאַץ. אַרום דעם פּאַלאַץ האָבן זיך געצויגן סעדער און גערטנער, און הינטער די גערטנער איז געווען וואַלד. מענטשן, ניט גוט באַקאַנטע מיט דער געגנט, האָבן דאָרט לייכט געקאָנט פאַרבלאָנדזשען. איינמאָל איז שולמית אַרויס שפּאַצירן מיט אירע פריינדינעס און דינסטן אין גאָרטן. זי איז געווען פאַרטראַכט, און אומבאַמערקט איז זי אַוועק פון אירע באַגלייטערנס און זיי פאַרלאָרן. זי האָט זיך אומגעקערט צוריק און גערופן, אָבער קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. זי האָט דעם ריכטיקן וועג שוין מער ניט געקאָנט געפינען. זי איז געגאַנגען מיט אַ שטעגעלע און איז צוגעקומען צום ברעג פון באַרג, וואָס איז געווען אַ גראַדער פעלז. גיין ווייטער איז שוין ניט געווען וואוהין. זי האָט זיך דערשראָקן; זי האָט גערופן צו

הילף, אָבער זי האָט ניט באַקומען קיין ענטפּער. אַ מידע און אין טרערן, האָט זיך שולמית צוגעזעצט אויף אַ שטיין.

פּלוצלונג האָט זי דערהערט אַ שאַרף פון בלעטער און דערנאָך אַ שרעקלעכן געבריל; און אין דעם אויגבליק האָט זי דערזען, ווי עס גייט אַרויס פון הינטער אַ שטרויך אַ גע־שטרייפּטער טיגער. איין שפּרונג — און ס׳וואָלט געווען אַ סוף צו איר יונג לעבן! אָבער אין דער סעקונדע האָט פון פעלז אַראָפּ דורכגעפייפט אַ פייל, האָט געטראָפן דער ווילדער חיה און דורכגעלעכערט איר דאָס האַרץ. דער טיגער איז גע־פאַלן און זיך אויסגעצויגן פאַר די פיס פון דער דערשראָקע־נער און גע׳חלש׳טער שולמית׳ן און האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם. פון פעלז איז אַראָפּ אַ יונגער מאַן, באַוואָפנט מיט פייל און בויגן. ער איז צוגעגאַנגען צו דער מיידל, וואָס איז געלעגן לעבן שטיין אַ גע׳חלש׳טע, און אויסגערופן: „שולמית!״ ער איז צוגעלאָפן צום נאָענטסטן קוואַל, געבראַכט קאַלט וואַסער אין הויפן און אַרויפגעשפּריצט אויף איר פנים; נאָכדעם האָט ער פון זיין פעלדפלאַש אַרויפגעגאָסן שולמית׳ן אויף די ליפּן עטלעכע טראָפּנס פונ׳ם געטראַנק, וואָס איז דאָרטן געווען. שולמית האָט אָנגעהויבן עטעמען און געעפנט די אויגן.

„אַמנון!״ — האָט זי אויסגערופן. — „ביסטו דאָס?״

— יאָ, שולמית, דאָס בין איך.

דאָ האָט שולמית באַמערקט דעם טיגער און אויסגערופן:

— העלף, אַ טיגער!

— האָסט ניט וואָס מורא צו האָבן! — האָט זי אַמנון באַרואיקט. — דער טיגער איז לאַנג טויט, געטראָפן פון דער פייל פון מיין בויגן.

— געלויבט איז גאָט! — האָט שולמית געזאָגט. — ווען

ניט דו, וואָלט איך געוואָרן אַ קרבן פון אָט דער שרעקלעכער חיה. ווי זאָל איך דיר באַדאַנקען דערפאַר?

— דערלויב מיר, פּרינצעסין, אַ קוש טאָן דעם ברעג פון דיין קלייד.

— ניין, מיין פריינד! — האָט שולמית געענטפערט. — דו האָסט געראַטעוועט מיין לעבן, און דערפאַר בין איך איצט דיינע. איך האָב דיך שוין פון לאַנג ליב. איצט זאָג איך דיר, אַז איך וועל חתונה האָבן בלויז מיט דיר און ניט מיט קיין אַנדערן.

אַמנון האָט פאַרגעסן זיין פּשוט'ע אָפּשטאַמונג, דעם צאָרן פון'ם קעניג, קורץ, אַלץ אויף דער וועלט. ער האָט בלויז געפילט זיין ליבע צו שולמית'ן. ער האָט זי גענומען אין זיינע אָרעמס, צוגעדריקט צו זיך און זי געקושט. דערנאָך האָבן זיי זיך געזעצט אויף דעם מאָכיקן שטיין נאָענט איינע לעבן די אַנדערע און לאַנג געשמועסט צווישן זיך. זיי האָבן ניט באַמערקט, ווי די זון האָט אָנגעהויבן אונטערגיין; זיי זיינען געזעסן, באַצויבערט פון זייער ליבע, און געשמועסט.

דער טומל פון מענטשלעכע טריט האָט זיי אויפגעוועקט פון זייער טרוים. זיי האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן און דערזען פאַר זיך — דעם קעניג שלמה מיט זיינע באַגלייטער. שלמה האָט דערזען דעם דער'הרג'עטן טיגער און אויפגעציטערט. שולמית איז צוגעלאָפן צו איר פאָטער און אויסגערופן:

— אָ, פאָטער, איך וואָלט שוין איצט געווען אַוועקגעריסן פון דיר, ווען ניט אָט דער מאַן.

דער קעניג האָט מיט פרייד צוגעדריקט צו זיך זיין טאָכטער; דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו אַמנונ'ען און געזאָגט:

— עלטסטער פון מיין לייבוואַך! דו דאַרפסט באַקומען

ניט קיין קליינע באַלוינונג פאַר דיין וואונדערבאַרער טאַט. זאָג, וואָס האָסטו זיך צו בעטן?

— מיין האַר און קעניג! — האָט אַמנון געענטפערט און זיך פאַרנייגט. — איך האָב גאָרנישט וואָס צו בעטן. איך בין צופרידן, וואָס איך האָב געקאָנט מיט עפּעס דינען מיין קעניג, לאַנג לעבן זאָל ער!

— ניין, ניט אַזוי! — האָט דער קעניג געזאָגט. — אַ קעניג דאַרף קיינעם ניט שולדיק בלייבן. זאָג, וואָס פאַר אַ באַלוינונג פאַרלאַנגסטו פאַר דיין העלדישקייט?

— מיין האַר און קעניג! — האָט אַמנון ווידער געענטפערט. — העלדישקייט און גוטסקייט באַדאַרפן ניט קיין באַלוינונג. וואָס איך האָב געטאָן פאַר דיין טאָכטער, וואָלט איך געטאָן פאַר יעדער אַנדער מיידל. עס קומט מיר קיין שום באַלוינונג ניט דערפאַר. — אַמנון האָט זיך פאַרנייגט און געוואָלט אַוועקגיין.

דאַן האָט שולמית אויסגערופן:

— ווי, אַמנון? דו האָסט שוין גאָרנישט וועגן וואָס צו בעטן דיין קעניג? אויב אַזוי, וועל איך עס טאָן פאַר דיר. טייערער פאָטער! — האָט זי זיך געווענדט צום קעניג. — אָט דעם יונגן מאַן האָב איך אויסגעקליבן פון צווישן טויזנטער. אים האָב איך ליב. ערלויב מיר חתונה צו האָבן מיט אים. ערלויב דאָס מיר דאָ אויף דעם פּלאַץ, וואו ער האָט מיר דאָס לעבן געראַטעוועט. זאָג מיר ניט אָפּ מיין בקשה.

דעם קעניגס פנים איז געוואָרן פינסטער ,ער האָט אָבער געענטפערט אָן כעס: „מיר וועלן די זאַך באַטראַכטן. איצט אָבער מוזן מיר זיך צעיילן, כדי צו באַפרייען פון שרעק דיין פאַרזאָרגטע מוטער.”

ער האָט גענומען די טאָכטער אונטער'ן אָרעם און איז אַוועקגעגאַנגען.

אַמנון איז פֿאַרבליבן. ער האָט זיך געפֿילט איבערגליקלעך. ער האָט נאָך אַ לענגערע צייט אַרומגעשפּרייזט אין וואַלד, און ערשט שפּעט ביינאַכט איז ער געקומען צו זיך אַהיים.

די גאַנצע נאַכט איז דער קעניג ניט געשלאָפֿן. די רייד פֿון זיין טאָכטער האָבן ביי אים אַרויסגערופֿן פֿאַרדראָס, און ער האָט געטראַכט, ווי אַזוי ער קאָן אויף אַ לייכטן אופֿן פּטור ווערן פֿון דעם אַמנונ׳ען, אין וועלכן זיין טאָכטער איז פֿאַרליבט און וועלכער שטאַמט אָפּ פֿון אַ פּשוט׳ער משפּחה. ער האָט דאָס ניט געוואָלט טאָן דורך אונטערשיקן מענטשן אים צו טייטן, אָדער דורך אַ באַפֿעל אים צו באַזייטיקן. ער האָט דאָס געוואָלט דורכפֿירן אויף אַזאַ אופֿן, אַז אַמנון זאָל אַריינפֿאַלן אין אַ נעץ פֿון זיין אייגענער העלדישקייט. נאָך לאַנגן נאָכטראַכטן האָט דער קעניג אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן און באַשלאָסן אים באַלד דורכצופֿירן.

II

אויף אַ באַרג, אויסער דער שטאָט, האָט זיך געפֿונען דער אַריינגאַנג אין אַ הייל. צוליב דער שטאַרקער קעלט, וואָס האָט דאָרט געהערשט, האָט זי דאָס פֿאָלק גערופֿן „די אייז־הייל“. די שטראָמען, וואָס פֿלעגן פֿון אויבן אַראָפּפֿאַלן אין הייל, פֿלעגן דאָרטן פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אייז. און קיין לעבעדיקער מענטש האָט דאָרטן ניט געקאָנט אויסהאַלטן אפֿילו אַ שטונדע צייט. קיינער האָט נאָך ביז דעמאָלט די גאַנצע הייל ניט אויסגעפֿאָרשט ; קיינער האָט אפֿילו קיינמאָל זיך ניט דערוועגט דאָס פּרובירן צו טאָן. און דאָס פֿאָלק האָט געזאָגט, אַז אין דער הייל וואוינט דער בייזער גייסט.

עטלעכע טעג נאָכדעם, ווי אַמנון האָט געראַטעוועט שולמית׳ן, האָט דער קעניג שלמה געמאַכט אַ סעודה פֿאַר

אַלע זיינע האַרן און ראַטגעבער. צווישן די איינגעלאַדענע געסט איז אויך געווען אַמנון. די געסט זיינען אַלע געווען פריילעך, ווייל דער קעניג איז היינט געווען אין אַ גוטער שטימונג. די בעכערס מיט ווין האָבן געקלונגען; פון די גאַלערייעס האָט זיך געלאָזט הערן מוזיק און געזאַנג. דער עולם האָט זיך געוויצלט, געלאַכט און דערציילט פאַרשידענע שרעקלעכע מעשות וועגן דער אייזהייל.

דעמאָלט האָט דער קעניג אויפגעהויבן זיין גאָלדענעם בעכער, אויסגעזעצט מיט טייערע שטיינער, אים אויסגעטרונקען ביז'ן דעק און געזאָגט: „איך וועל געבן אַלס באַלוינונג אַט דעם טייערן בעכער יענעם, וואָס וועט זיך אַראָפּלאָזן אין דער אייזהייל און פאַרברענגען דאָרט אַ נאַכט, און דאַן קומען און דערציילן, וואָס עס קומט דאָרטן פאָר אין הייל."

אין זאַל האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. קיינער האָט זיך ניט אָנגעבאָטן פּרובירן געווינען דעם פּרייז. דעמאָלט האָט דער קעניג ווייטער גערעדט:

— ווי, עס געפינט זיך ניט קיינער? איז שוין מער ניטאָ קיין עכטע מענער צווישן די אידן?

קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן.

האָט דער קעניג זיך געווענדט צו אַמנונ'ען:

— אויך דו ניט, אַמנון? ביסטו אויך שרעקעדיק?

אַמנון האָט זיך אויפגעהויבן, זיך פאַרנייגט און געזאָגט:

— לאַנג לעבן זאָל דער קעניג, און זיין נאָמען זאָל קלינגען אויף אייביק און אייביק. איך וועל גערן אָפּגעבן מיין לעבן פאַר מיין פאָטערלאַנד אָדער צו באַשיצן מיין קעניג. אָבער פאַר באַלוינונג, פאַר רייכטום וועל איך אפילו ניט מאַכן זיך קיין קראַץ אויף מיין לייב און וועל ניט אויסרייסן קיין איין האָר פון מיין קאָפּ.

— אָ, כ׳פאַרשטיי. — האָט זיך דער קעניג אָפּגערופן. — דער פרייז, וואָס איך האָב אָנגעבאָטן ,איז צו קליין. גוט, איך וועל באַשטימען אַ העכערן פרייז. דער וואָס וועט פאַרברענגען אַ נאַכט אין דער אייזהייל, וועט באַקומען מיין טאָכטער שולמית פאַר אַ ווייב.

דער חכם היימאָן, דער ראַטגעבער פונ׳ם קעניג, האָט זיך דאַן אויפגעהויבן און געזאָגט :

— דו שפּאַסט, קעניג ! ניט אמת ? ווייל איך קאָן זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, דו זאָלסט ערנסט קאָנען ווינשן, אַז ווער עס איז ,אפילו דער קלענסטער פון דיין פאָלק, זאָל פון דיר געשיקט ווערן אויף אַ געפאַר בלויז צוליב באַפרידיקן דיין נייגעריקייט.

— שווייג, אַלטער פלאַפּלער ! — האָט דער קעניג מיט כעס געענטפערט. — איך שפּאַס ניט. איך וויל אויסגעפינען, צי עס זיינען נאָך פאַראַן מוטיקע מענשן ביי אידן. איינמאָל האָט זיך מיין פאָטער פאַרגלוסט וואַסער פון אַ ברונעם אין בית־לחם. איז ווי נאָר ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין ווונטש, האָבן זיך אויפגעהויבן דריי מענער, האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך דער מחנה פונ׳ם פיינט און מיט געפאַר פאַר זייער אייגן לעבן האָבן זיי אים געבראַכט דאָס וואַסער. דאָס זיינען געווען די העלדישע קריגסמענער פון מיין פאָטער. און איך האָב ניט קיין העלדן. די מענער פון יהודה זיינען געוואָרן שרעקעדיק און ציטערדיק.

דעמאָלט האָט זיך אַמנון אויפגעהויבן. זיין פּנים האָט געברענט, זיינע אויגן האָבן געפינקלט און זיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. ער האָט געזאָגט :

— עס זיינען פאַראַן געוואַגטע מענער ביי די אידן, קעניג ! און עס איז נאָך ניט פאַרשוואונדן דער מוט און די בראַווקייט.

איך בין פון די קלענסטע פון דיינע דינער, און איך וועל גיין און וועל דיר ברענגען די ידיעות פון דער הייל, אָדער איך וועל שטאַרבן.

די אַנוועזענדע האָבן פאַרוואונדערט זיך איבערגעקוקט און געשוויגן. אָבער דער קעניג האָט געזאָגט:

— איך האָב דאָס פון דיר דערוואַרט, אַמנון! גיי און קום און דערצייל מיר, וואָס דו האָסט געזען אין דער אייז־הייל, און שולמית וועט ווערן דיין ווייב!

דער קעניג האָט זיך דאַן אויפגעהויבן און איז אַרויס, און נאָך אים זיינען אַוועק אַלע געלאַדענע געסט. און די מעשה וועגן אַמנון׳ען האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט. אומעטום האָט מען גערעדט וועגן אַמנון׳ס געוואַגט־קייט און פון דער הויכער באַלוינונג, וואָס ערוואַרט אים. אמת, אַלע האָבן געצווייפלט, צי אים וועט זיך איינגעבן דורכצופירן דאָס, וואָס ער האָט אונטערגענומען. אָבער אַלע האָבן אויסגע־דריקט אומצופרידנהייט מיט דעם קעניגס פאַרלאַנג. ס׳פאַר־שטייט זיך, אַז די נייעס איז אויך דערגאַנגען צו די אויערן פון שולמית׳ן.

### III

הינטער ירושלים איז געשטאַנען דאָס קליינע הויז פון׳ם הונדערטיעריקן זקן, דעם נביא נתן. יעדער איינער, וואָס האָט געהאַט עפּעס אַ צרה, איז געגאַנגען אהין, צום נביא, בעטן אַן עצה אָדער הילף; און דער נביא האָט יעדן איינעם גע־האָלפן: איינעם מיט א רפואה, דעם אַנדערן מיט אַ טרייסט אָדער מיט אַן עצה. אַהין איז אויך אָנגעקומען דעם אָוונט איינע אַ פרוי, איינגעוויקלט אין שוואַרצן, כדי צו בעטן הילף ביים אַלטן נביא.

— וואָס פאַרלאַנגסטו, טאָכטער? — האָט נתן דער נביא געפרעגט ביי דער פרוי.

— דאָס לעבן פון מיין ברודער איז אין געפאַר, און בלויז דו, נביא, קאָנסט אים ראַטעווען. — האָט די פרוי געענטפערט.

— דערקלער מיר בעסער, מיין קינד! איז דיין ברודער קראַנק?

— ניין, ער איז אין בעסטן געזונט, דאָך דראָט אים די גרעסטע געפאַר.

— איך פאַרשטיי דיך ניט. רעד אָפן. עס דאַכט מיר, אַז דו באַהאַלטסט פון מיר דעם אמת.

— זיי מיר מוחל, גרויסער נביא! די שרעק, וואָס דריקט אויף מיין האַרצן, האָט מיין שפּראַך געמאַכט ניט קלאָר. איך וויל דיך בעטן, דו זאָלסט ראַטעווען דעם מוטיקן יונגן מאַן, וואָס דאַרף היינטיקע נאַכט פאַרברענגען אין דער אייזהייל.

— אין דער אייזהייל? וואָס צווינגט אים צו גיין אַהין, אויף זיכערן טויט?

— דער קעניג האָט אַזוי פאַרלאַנגט, און ער האָט אים דערפאַר צוגעזאָגט צו געבן זיין טאָכטער שולמית פאַר אַ ווייב.

— דיין ברודער איז שטאָלץ, ער קוקט צו די הויכע פענסטער. דער הויכער לוין האָט אים פאַרפירט.

— אָ, נביא! ווען דו וואָלסט געקענט אַמנונען, וואָלסטו וועגן אים אַזוי ניט גערעדט. ער איז באַשיידן און איידל און פרום, און ער פאַרדינט דעם קעניגס טאָכטער.

— דו רעדסט מיט צופיל היץ וועגן דיין ברודער. און איך צווייפל, צי דו זאָגסט דעם אמת, אַז דו ביסט אַמנונ׳ס שוועסטער.

די פרוי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שלייער און געזאָגט: „איך זע, אַז פון דיר, נביא, קאָן מען גאָרנישט ניט באַהאַלטן; אַז דו ווייסט אפילו, וואָס יעדער מענטש דענקט. איך אַליין בין שולמית, דעם קעניגס טאָכטער."

דער נביא האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „איך האָב דאָס פריער געוואוסט. איך האָב אויך געוואוסט, וואָס דיין פאָטער פאַרלאַנגט פון אַמנונ׳ען. גיי אַהיים און זיי רואיק. איך וועל טאָן אַלץ, וואָס מעגלעך, צו ראַטעווען דעם, וועמען דו האָסט ליב. זאָלסט אָבער קיינעם ניט זאָגן, אַז דו ביסט דאָ געוועזן.״

שולמית האָט זיך פאַרנייגט, זיך צוריק איינגעוויקלט אין שלייער און איז אַוועק.

***

די זון האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין. פון טויער פון שטאָט האָבן מענשן געאיילט צו דער אייזהייל. מענער, פרויען, אַלטע לייט און קינדער, אַלע האָבן זיך געצויגן צום פלאַץ, וואו דער מוטיקער אַמנון האָט געזאָלט אַראָפּלאָזן זיך אין דער הייל, אין וועלכער עס וואוינט דער בייזער גייסט. עס איז באַלד צוגעקומען אַהין אויך דער קעניג מיט זיינע באַגלייטער.

מ׳האָט איבער׳ן אַריינגאַנג פון הייל אַריבערגעלייגט אַ קיילעכדיקע קלאָץ, אויף וועלכער מ׳האָט אָנגעדרייט אַ שטריק; און צום שטריק איז געווען צוגעבונדן אַ צעבער. דער קעניג האָט געגעבן אַ צייכן, און עס איז פון צווישן זיין לייבוואַך אַרויס אַמנון. ער איז צוגעגאַנגען צום קעניג און געזאָגט: „קעניג, איך גיי איצט אין אַ פלאַץ, פון וואַנען ווער ווייס, צי איך וועל זיך צוריקקערן. וויל איך ביי דיר בעטן אַ טובה: פאַרלאָז ניט מיין אָרימע מוטער״.

ווען אַמנון האָט פאַרענדיקט, איז ער מוטיק אַריינגע־שפּרונגען אין צעבער. דאַן האָט מען לאַנגזאַם אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן דעם צעבער אין הייל אַריין; און ביסלעכווייז איז אַמנון פאַרשוואונדן געוואָרן פון די אויגן פון אַלע אַרומיקע...

## IV

אין צוויי טעג אַרום נאָכדעם, ווי מ׳האָט אַמנונ׳ען אַראָפּ־געלאָזן אין אייזהייל, איז דער קעניג שלמה געזעסן אויף זיין קעניגלעכן שטול אין דעם גרויסן טראָנזאַל, און אַרום אים זיינען געשטאַנען פול מיט אַכטונג און מיט מורא זיינע ראַט־געבער און האַרן; און אַ גרויסער עולם איז געשטאַנען אויבן, אויף דער גאַלעריי. אַלע זיינען געלאַדן געוואָרן צו הערן פונ׳ם גרויסן וואונדער. דער קעניג האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו אַ זייטיקער טיר; די טיר האָט זיך געעפנט און פון דאָרטן איז אַריינגעקומען דער מוטיקער אַמנון, געזונט און פריש און פריילעך.

— איצט דערצייל אונז, וואָס דו האָסט געזען אין דער אונטערערדישער הייל און ווי ביסטו פון דאָרט אַרויס. — האָט דער קעניג אים געזאָגט.

אַמנון האָט זיך פאַרנייגט און אָנגעהויבן צו דערציילן:

„גרויסער קעניג! עס איז שווער פאַר אַ מענשן צוגע־וואוינען זיך צו דעם, וואָס עס טוט זיך אין דער וואוינונג פון די בייזע גייסטער. אָן דער הילף פון אַלמעכטיקן וואָלט איך קיינמאָל די ליכטיקע וועלט ווידער ניט דערזען. דאָרט אונטן איז שרעקלעך! ווי נאָר איך האָב דערגרייכט די דעק פון דער הייל, האָט אויף מיר אַ וויי געטאָן אַזאַ שניידנדיקע קעלט, אַז איך האָב ניט געקאָנט בלייבן שטיין רואיק. כדי ניט דערפראָרן צו ווערן, האָב איך געמוזט האַלטן מיין קער־פּער אין איין באַוועגן זיך. פון אויבן איז נאָך אַלץ אַריינ־געקומען אינווייניק אַ שוואַכע שיין, און איך האָב געקאָנט גיין אַלץ ווייטער און ווייטער. אָבער וואָס ווייטער איך בין געגאַנגען, אַלץ פינסטערער און אַלץ קעלטער איז געוואָרן. צום סוף איז געוואָרן אינגאַנצן פינסטער, און דער פראָסט איז

געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז איך בין שיר ניט פאַרפרוירן געוואָרן. בלויז איייניקע מינוטן רו, און עס וואָלט געווען אַ זיכערער טויט פאַר מיר. איך האָב געפרואווט גיין אַלץ ווייטער, כדי צו דערוואַרימען זיך, אָבער אין דער פינסטערניש האָב איך ניט געוואוסט, וואוהין צו גיין, און מיינע פיס האָבן זיך נאָכאַנאַנד אויסגעגליטשט אויף דעם אייז. און דער פראָסט איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן; דאָס בלוט אין מיינע אָדערן האָט אָנגעהויבן צו גליווערן. עס האָט מיך אַרומגענומען אַ מידקייט און אַ שלעפעריקייט, און באַלד האָב איך ניט געקאָנט מאַכן קיין איין ווייטערדיקן טריט.

„איך האָב אַ טראַכט געטאָן: „ווען עס וואָלט אַהער אַריינגעשיינט כאָטש איין שטראַל פון דער זון".

„און פלוצלונג איז געוואָרן ליכטיק אַרום מיר. די קרישטאָלענע ווענט האָבן געשטראַלט מיט אַלע קאָלירן פון דעם רעגנבויגן. איך האָב געמאַכט אַן אָנשטרענגונג, אָנגענומען זיך מיט די לעצטע כוחות און זיך געלאָזט גיין אַהין, פון וואַנען עס איז געקומען די שיין. אָבער וואָס ווייטער איך בין געגאַנגען, אַלץ ווייטער איז אָפּגעטראָטן די שיין פון מיר און האָט מיך אַזוי אַרום געפירט פון איין טייל פון הייל אין צווייטן. וואָס ווייטער, איז די קעלט מילדער געוואָרן, די לופט איז ביסלעכווייז געוואָרן וואַרימער, און איך בין אָנגעקומען אין אַ געוויינלעכער הייל. דאָ איז דאָס ליכט אויסגעלאָשן געוואָרן, און עס איז געוואָרן פינסטער. איך בין לאַנגזאַם, טאַפּנדיק מיט די הענט אַרום, געגאַנגען ווייטער. עס איז געוואָרן אַלץ וואַרימער און וואַרימער, און ענדלעך — וואָס פאַר אַ פרייד! איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן און דערזען איבער זיך דעם אויסגעשטערנטן הימל. אַ מידער בין איך אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד און איינגעשלאָפן.

„איך האָב געמוזט שלאָפן זייער לאַנג; ווייל ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָט די זון שוין געהאַלטן אין פאַרגיין. און איך האָב פאַר זיך דערזען דעם געטלעכן נביא, נתנ׳ען.

„— וואָס טוסטו דאָ, מיין זון? — האָט ער מיך געפרעגט.

„האָב איך אים דערציילט וועגן אַלץ; און ער האָט מיר דעמאָלט געזאָגט: „מ׳דאַרף ניט פּרובירן גאָט. דאָסמאָל האָט ער דיך געראַטעוועט, אָבער אַ צווייט מאָל קאָן ער דיך פאַרלאָזן. גיי, זאָג דעם קעניג: די אייזהייל איז אַן אָרט פון שרעק, אָבער פון אומזיסטן שרעק. און אַפילו דער איצ־טיקער וואונדער מיט דיר, איז אויך געווען ניט אָן אַ צוועק: דאָס איז געווען צו באַווייזן, אַז אידן דאַרפן ניט זיין אַבער־גלויבעריש!״

דערמיט האָט אַמנון פאַרענדיקט. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ פריידיקער אויסגעשריי פון אַלע זייטן: „זאָל לעבן אַמנון, דעם קעניגס איידעם! זאָל לעבן דער גרויסער העלד אַמנון! זאָל לעבן שולמית, זיין כלה!״

דער קעניג האָט געגעבן אַ צייכן, און אַלץ איז אַנטשוויגן געוואָרן. דעמאָלט האָט דער קעניג געזאָגט:

„דו האָסט דיין אונטערנעמונג דורכגעפירט; דו האָסט אַרויסגעוויזן גרויס מוט, און דו וועסט דערפאַר רייך באַ־לוינט ווערן. אָבער דו האָסט דעם אָפּמאַך ניט געהאַלטן: דו זאָלסט אין דער הייל באַגעגענען אַ ליכט, וואָס זאָל דיך פירן, דאָס איז ניט געווען דער אָפּמאַך. דו האָסט זיך אָנגעוואַרעמט אָנ׳ם ליכט פונ׳ם פאַקעל, דעריבער איז דיר לייכט געווען דאָרט אַזוי לאַנג צו פאַרבלייבן. איך קאָן דיר דעריבער מיין טאָכטער פאַר אַ ווייב ניט געבן״.

אָפּגערעדט, האָט זיך דער קעניג אויפגעהויבן און פאַר־לאָזט זיין טראָן. די האַרן אַרום האָבן מיט הכנעה גענומען

לויבן דעם קעניגס קלוגן באַשלוס. בלויז דער אַלטער היי־מאַן האָט זיך דערוועגט צו ווייזן דעם קעניג, אַז ער איז ניט גערעכט; אָבער וואָס פאַר אַ האַפט האָבן די רייד פון איין איינציקן ערלעכן מאַן קעגן דעם אייזערנעם ווילן פון אַ הערשער?

אַמנון איז געשטאַנען צוגעשמידט צום אָרט, ווי אַ סטאַ־טוע, און ניט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט. ערשט ווען דער קעניג איז אַרויסגייענדיק פון זאַל פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אים, האָט ער אַרויסגעמורמלט: „אַזוי ווי דו האָסט היינט גע'משפט, קעניג, באַהיט גאָט, דו זאָלסט נאָך ווען עס איז משפט'ן."

און ער איז אויף שנעל אַרויסגעגאַנגען פון פּאַלאַץ און אַוועק צו זיך אַהיים.

V

אין דער היים האָט אַמנון צום ערשטן מאָל דערציילט זיין מוטער וועגן אַלץ. ער האָט פאַר איר אויסגעגאָסן זיין גאַנץ ביטער האַרץ, און די מוטער זיינע האָט אים געטרייסט און געזאָגט:

— וואָלסטו פריער מיר געהאַט דערציילט דיין געשיכטע, וואָלט איך דיר גלייך פאָראויסגעזאָגט, וואָס עס וועט פּאַסירן. דאָך, פאַל ניט אַראָפּ ביי זיך, מיין זון! נאָך ניט אַלץ איז פאַרלאָרן. אונזער קעניג איז קלוג; ער האָט ליב אַ וויץ, און דורך אַ קלוגן איינפאַל לאָזט ער זיך באַאיינפלוסן מער ווי דורך די קלוגע רייד פון זיינע ראַטגעבער. איך וועל פּרובירן אים אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז ער איז באַגאַנגען אַן אומרעכט. דו געפין מיר בלויז אויס, ווען מאַכט דער קעניג געוויינטלעך זיין שפּאַציר אויסער דער שטאָט; דאָס איבעריקע לאָז שוין איבער צו מיר.

אַמנון האָט געפּאָלגט זיין מאַמען; און אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער איר געלאָזט וויסן, אַז יענעם אָוונט וועט דער קעניג אַרויספאָרן אויף אַ שפּאַציר אויפ׳ן וועג קיין בית־לחם. דעמאָלט האָט אַמנונ׳ס מוטער געקוילעט אַ גאַנז, זי אָפּגעפּליקט, גענומען מיט זיך אַ בראָט־אייזן און האָלץ און איז אַוועק אויפ׳ן וועג, וואָס פירט קיין בית־לחם. ניט ווייט פון וועג האָט זי פאַנאַנדערגעלייגט אַ פייער; די גאַנז האָט זי אָנגעשטאָכן אויפ׳ן בראָט־אייזן, אָבער זי האָט עס געהאַלטן ניט איבער׳ן פייער, נאָר אַ היבשן שטיק אַוועק פונ׳ם פייער. זי האָט געהאַלטן אין איין דרייען דאָס בראָט־אייזן, ווי זי וואָלט געוואָלט, די גאַנז זאָל זיך אָפּבראָטן פון אַלע זייטן. און אַלע דורכגייער פלעגן זיך אָפּשטעלן און לאַכן פון דער מאָדנער קעכין, וואָס דענקט, אַז זי וועט אויף דעם אופן אָפּבראָטן די גאַנז.

באַלד איז פאַרבייגעפאָרן דער קעניג. ער האָט באַמערקט דאָס פייער און די פרוי, וואָס בראָט די גאַנז אָן אַ זייט פונ׳ם פייער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט; ער האָט זיך פאַראינטערעסירט. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אפשר וויל די פרוי מיט דעם מאָדנעם אופן פון בראָטן די גאַנז עפּעס באַווייזן, ער איז דעריבער צוגעגאַנגען און געפרעגט די פרוי:

— וואָס טוסטו דאָס?

— איך בראָט אַ גאַנז, ווי דו זעסט. — האָט יענע געענטפערט און דערביי געהאַלטן אין איין דרייען דאָס בראָט־אייזן מיט דער גאַנז.

— דו רעדסט, ווי אַ נאַר. — האָט דער קעניג געזאָגט.

— קענסטו אָפּבראָטן די גאַנז אויף די שטראַלן פון דער זון?

— פאַרוואָס אויף דער זון? זעסט ניט, וואָס פאַר אַ פיין פייער דאָ ברענט?

— אָבער וואָס קאָן דיר נוצן דאָס פייער, אַז דו האַלסט די גאַנז ניט איבער אים, נאָר אָן אַ זייט?

— אָבער דאָס פייער וועט סיי ווי אָפּבראָטן די גאַנז. וואַרט נאָר אַ ווײַלע, וועסטו זען.

— דו רעדסט נאַריש, פרוי! אַזוי ווייט אָפּגערוקט, קאָן דאָס פייער גאָר ניט ווירקן.

— פאַרוואָס ניט? אָט האָט דאָך די שיין פונ׳ם פאַקעל געוואַרימט דעם מוטיקן אַמנונ׳ען אין דער אייזהייל און גע־ראַטעוועט אים פון פאַרפרוירן ווערן; איז פאַרוואָס קאָן דאָס פייער, וואָס ברענט אַ ביסל ווייטער, ניט אָפּבראָטן מיין גאַנז?

שלמה האָט זיך געפילט געטראָפן: ער האָט ניט נאָר דערפילט, אַז ער האָט געטאָן אַמנונ׳ען אַן אומרעכט, נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מענשן אַרום טראַכטן און רעדן וועגן דעם. און איבערראַשט פון דעם קלוגן אופן ווי די אַלטע פרוי האָט אים דאָס געלאָזט פילן, האָט ער זי געפרעגט:

— זאָג מיר, ווער ביסטו, און ווער האָט דאָס דיך אויס־געלערנט צו טאָן אַזוי?

— מיין האַר און קעניג! — האָט די פרוי געענטפערט.

— ווען עס האַנדלט זיך וועגן דעם וואוילזיין פון אַ קינד, איז דאָס האַרץ פון אַ מוטער פייאיק אויסצוטראַכטן אַלערליי זאַכן. איך בין אַמנונ׳ס מוטער.

— זייער גוט. — האָט שלמה געזאָגט. — דו האָסט מיר בילדלעך באַוויזן, אַז איך בין געווען אומגערעכט. איך וועל דאָס גוטמאַכן. דיין מוטיקער זון אַמנון וועט באַקומען גערעכ־טיקייט.

— דער קעניג איז אַוועק אויף זיין שפּאַציר, און די פרוי האָט זיך צוריקגעקערט אין שטאָט.

און באַלד נאָכדעם האָט אַמנון חתונה געהאַט מיט שולמית׳ן און איז געוואָרן דעם קעניגס איידעם.

## שווערערע ווערטער:

אַבערגלויבעריש — דער וואָס גלויבט אין גייסטער, שדים א. ד. ג. —
איבערראַשט — פאַרוואונדערט.
אַלמעכטיקער — גאָט.
באַאײַנפלוסן — באַווירקן.
גליווערן — פרירן, האַרט ווערן.
געבריל — געשריי פון אַ לייב, אַ טיגער א. ד. ג.
געוואַגט — בראַוו.
געשטרייפט — געפאַרבט אין פּאַסן.
גראַד אָדער גראָד — גלייך.
(עס) דראָט אים — עס ערוואַרט אים.
הכנעה — אונטערטעניקייט, נאָכגיביקייט.
האַפּט — קראַפּט, ווערדע.
וואַרילזיין — גוטס.
לייבוואַך — סאָלדאַטן, וואָס באַשיצן די פּערזאָן.
עכטע — אמת'ע, ריכטיקע.
פּטור ווערן — באַפרייען זיך.
פאַקעל — ברענענדיק שטיק האָלץ, אָדער עפּעס אַנדערש, וואָס ברענט און באַלייכט.
פאַרגלוסט — פאַרוואָלט.
צעבער — גרויסער עמער מיט צוויי הענטלעך.
קאָמפּלימענט — לויבוואָרט.
(זיך) שדכנ'ען — וועלן חתונה האָבן מיט איינעם.
שלאַנק — הויך, גלייך און דין.